# דאס זענען אייערע רעכטן

**The New York State Sexual Assault Victim Bill of Rights (די ניו יארק סטעיט סעקזועל אטאקע געשעדיגטע ביל פון רעכטן) א ליסטע פון אלגעמיינע אינפארמאציע בנוגע אייערע רעכטן. דער קאפיע איז פאר אייך צו האלטן. אויב איר ווילט, קען די אלע אינפארמאציע אייך ערקלערט ווערן מער אויספירליך איידער סיי וועלכע אונטערזוכונג אדער אינטערוויו קומט פאר.**

## אייער עיקר רעכטן

- מען קען אייך נישט באהאנדלען אנדערש באזירט אויף געוויסע כאראקטער שטריכן אזוי ווי ראסע, נאציאנאלע אפשטאם, רעליגיע, סעקזשועל אריענטאציע, דיסאבילטי, עלטער, קוואל פון באצאלונג, מין, דזשענדער אידענטיטעט, אדער דזשענדער אויסדרוק.
- אייער אימיגראציע סטאטוס אדער נאציאנאלע אפשטאם קען נישט באווירקן אייער עמערדזשענסי קעיר אדער סערוויסעס. איר קענט בעטן א דאלמעטשער אויב עס איז אייך שווער צו פארשטיין אדער רעדן ענגליש.
- מינדעריעריגע אונטער 17 יאר אלט האבן געוויסע רעכטן צו מאכן זייערע אייגענע באשלוסן אן קיין עלטערן אדער לעגאלע גארדיען.

## אייערע רעכטן אין שפיטאל

- איר קענט האבן אן אדוואקאט פון די לאקאלע רעיפ קריזיס פראגראם וואס זאל זיין מיט אייך דורכאויס דעם אונטערזוכונג.
- איר קענט האבן אן אונטערזוכונג אין סיי וועלכע שפיטאל עמערדזשענסי אפטיילונג צוזאמצונעמען באווייזן און צושטעלן געוויסע מעדיצינישע קעיר פארבינדן מיטן סעקזשועל אטאקע אן דעם וואס עס זאל אייך עפעס קאסטן. אויב איר האט נישט קיין העלט אינשורענס, אדער איר ווילט נישט נוצן אייער העלט אינשורענס, קענט איר בעטן דעם שפיטאל צו ביל'ן דעם Office of Victim Services (אפיס פון וויקטים סערוויסעס).
- איר קענט האבן מעדיצין צו פארמיידן שוואנגערשאפט און סעקזשועל-אריבערגעפירטע אינפעקציעס (STI's, אויך באקאנט אלס STD's) אומזיסט. פאר HIV פארמיידונג, קען מען אנהויבן א 7-טאגיגע פעקל פון מעדיצין אינעם שפיטאל.
- מען וועט אייך צושטעלן אינפארמאציע לגבי פאסיגע נאכפאלגנדע מעדיצינישע קעיר.

## באריכטן וואָס האט פאסירט

- איר קענט אויסוועלן צו באריכטן צו די פאליציי אדער נישט.
- איר קענט אויסוועלן אויב איר ווילט האבן אן אדוואקאט פון די לאקאלע רעיפ קריזיס פראגראם וואס זאל זיין מיט אייך דורכאויס דעם אונטערוויו מיטן פאליציי אדער פראקוראר אדער נישט.
- איר וועט באקומען פארבינדונגס אינפארמאציע פאר די פאליציי אדער פראקוראר וואס באהאנדלט אייער קעיס.
- איר קענט זיך פארבינדן מיט די פאליציי אדער פראסעקיוטאר פאר אינפארמאציע אויף קרימינאלע אויספארשונג אדער לעגאלע פאָרהאנדלונגען. די פאליציי אדער פראקוראר וועט אייך מעלדן וועגן סיי וועלכע לעגאלע שריט פארבינדן מיט אייער קעיס.
- אויב איר וועלט אויס צו באריכטן צו די פאליציי, וועלן אייערע באווייזן ווערן אונטערזוכט ביז 100 טעג. איר קענט זיך פארבינדן מיט די פאליציי פאר אינפארמאציע אויף א DNA צופאסונג.
- אויב איר וועלט אויס נישט צו באריכטן צו די פאליציי, וועלן אייערע באווייזן ווערן אוועקגעלייגט פאר 20 יאר, אדער ביז איר באשליסט עס ארויסצוגעבן. מען וועט אייך מעלדן איידער די באווייזן ווערן אוועקגערוקט און איידער דער סטארטעדזש תקופה ענדיגט זיך.

# ווי אזוי צו באקומען מער הילף

**פאליציי אגענטור:** ______________________________

**קאנטאקט נאמען:** ______________________________

**טעלעפאן נומער:** ______________________________

**אימעיל:** ______________________________

**סטעיט אגענטור:** ______________________________

**קאנטאקט נאמען:** ______________________________

**טעלעפאן:** ______________________________

**אימעיל:** ______________________________

*אויב די קאנטאקט אינפארמאציע פאר די פאליציי אדער פראקוראר איז אומבאקאנט, ביטע רופט:*

- אויב דער פארברעכן איז געשען אין ניו יאָרק סיטי: New York Police Department Special Victims Division (ניו יארק פאליציי דעפארטמענט ספעציעלע געשעדיגטע אפטיילונג) אויף **646-610-7273**.
- אויב דער פארברעכן איז געשען סיי וואו אין די סטעיט: New York State Police Sexual Assault Hotline (ניו יארק סטעיט פאליציי סעקזשועל אטאקע האטליין) אויף **1-844-845-7269**.

**סטעיט אגענטור:** ______________________________

**קאנטאקט נאמען:** ______________________________

**טעלעפאן:** ______________________________

**אימעיל:** ______________________________

*אויב די קאנטאקט אינפארמאציע פאר די רעיפ קריזיס אדער קרבן הילף אגענטור איז אומבאקאנט, ביטע רופט:*

- New York State Hotline for Sexual Assault and Domestic Violence (ניו יארק סטעיט האטליין פאר סעקזשועל אטאקע און דאמעסטישע געוואלדטאטן) אויף **1-800-942-6906**.

פאַר מער אינפאָרמאַציע, ביטע באזוכט **www.ovs.ny.gov** אדער **www.health.ny.gov/prevention/sexual_violence**

NEW YORK STATE | Department of Health